# טעמו וראו

הערליכע לערנבארע שמועסן
פון בארימטן משפיע הרה"ח רבי דוד אייזנבאך שליט"א

מכון טעמו וראו
גילוי רצון ה' למעשה

• גיליון לד - בשלח תש"פ •

## 'פרשת המן'

בסייעתא דשמיא, איינער פון די שטארקע יסודות וואס מיר געפונען אין פרשת בשלח ווי אלע ווייסן איז דאך 'פרשת המן' די באקאנטע סגולה אויף פרנסה פון רבי ר' מענדל מרימנוב, די גאנצע סוגיא פון פרשת המן, אלע ווייסן די פרשה פון אמונה.

### זאגן די 'פרשת המן' מיט אמונה

ס'איז ידוע דער הייליגער רבי ר' מענדל מרימנוב האט יארן געזאגט תורה אויף פרשת המן, און מיט דעם האט ער אריינגעשיינט די אמונה מיט אלע גוטע זאכן פאר זיינע תלמידים, און די יסודות וואס ליגט אין די פרשה, די סגולות, און די אלע גוטע זאכן פון דעם.

ס'איז ידוע די משנה ברורה איז אביסל מרחיב אין דעם, ריכטיג ס'שטייט אז פרשת המן איז מסוגל אויף פרנסה, אבער כדי די סגולה זאל ארבעטן, איז דא א סגולה אין די סגולה, די סגולה אין די סגולה איז: אז ער זאגט עס מיט אמונה, שטאטליך, אז ס'דא איינער וואס ער גיבט צו עסן, ער נעמט ארויס די נקודת האמונה אין אייבישטן דורך זאגן די 'פרשת המן'.

### 'לא ניתנה תורה אלא לאוכלי המן'

מ'וועט זיך א מינוט מתבונן זיין, ס'איז ידוע די ווארט, די גמרא זאגט 'לא ניתנה תורה אלא לאוכלי המן', זאגט די מדרש פשוט אז זיי האבן נישט געהאט קיין דאגות, זיי האבן נישט געהאט דאגות הפרנסה, זיי האבן נישט געדארפט אקערן, זיי האבן זיך פארלאזט אויפן אייבערשטן, אינדעפרי איז געווען די עסן, און מ'זיצט און מ'לערנט תורה.

אבער למעשה איז דא אין דעם נאך זייער אסאך פרטים, למשל אין זאך, איינער פון די דריי זאכן וואס מוציאין את האדם מן העולם, 'הקנאה' 'והתאוה' והכבוד', א מענטש האט אזא סארט 'גאוה' "פאלשע גאוה" אז ער איז מער ווי דעם צווייטן, לאמיר זיך מתבונן זיין, טאמער אלע וואלטן געהאט פון אלעס די זעלבע, קיינער וואלט זיך נישט געקענט האלטן גרעסער פאר יענעם, אלע האבן די זעלבע פארציע, די זעלבע עסן, די זעלבע מן, און געוואשענע קליידער, ס'איז ידוע אז אין מדבר איז מיטגעוואקסן די קליידער, מ'האט עס געוואשן ביי די וואלקענעס, ס'איז נישט געווען מיט וואס זיך גרויסהאלטן איינער אויפן צווייטן אויף קליידער,

### לעבן אין פנימיות

און לאמיר זאגן נאך בעסער 'מ'איז נישט געווען פארנומען מיט חיצוניות, מיט זאכן וואס איז נישט 'אלקות' 'פנימיות' נאר מיט גוטע זאכן, מ'איז נישט געווען פארנומען איינער זאל זיין מער פארן צווייטן, א מענטש ווען ער לעבט נישט אין די אלע חיצוניות, און ער האט אויך נישט דאגות, קען ער באקומען די תורה בשלימות, קען ער באקומען די אלע שפע, און ער באקומט דאס,

נאכדעם איז דא נאך א זאך, אן אינטערסאנטע זאך, אז ביי די מן זעהט מען אז יעדע טעם וואס א מענטש האט געוואלט שפירן האט ער געשפירט, פשוט דעם טעם, די נקודת לימוד וואס אונז לערנען ארויס פון דעם איז אז ס'איז תלוי אין מח פון מענטש, און ס'איז בכלל נישט תלוי אין וואס ס'ליגט אין זיין טעלער.

### ס'איז אלעס תלוי אין מח

צו דאס פארשטיין, אלע האבן געהאט די זעלבע מן אבער ס'איז תלוי אין מח, אלע איידן זענען אין דעם גלייך, אלע האבן שפע, 'נותן לחם לכל בשר' 'הזן את העולם כולו' 'עיני כל אליך ישברו ואת נותן להם את אכלם בעתו', אלע באקומען, איז וואס איז די חילוק? איינער פון די חילוקים איז אין די מחשבה, ס'דא א מענטש וואס אין זיין מח איז ער 'שמח בחלקו', ער שפירט אין די מן אלע גוטע טעמים, ער שפירט אין זיין שפע אלע גוטע טעמים, ס'איז איהם גוט מיט דעם, ס'דא איינער וואס שפירט אין זיין מחשבה, אז ס'איז איהם נישט גענוג, אז ס'איז דיר נישט גענוג אין מחשבה איז דיר טאקע נישט גענוג, לעבסטו אין א מצב וואס איז דיר נישט גוט, די הויפט שליסל פון דעם 'טעם' פון די שפע הפרנסה, איז די 'מח', און דאס איז איינער פון די זאכן וואס אונז לערנען אין פרשת המן.

ס'איז ידוע, ס'דא א ספר 'סיפורי מעשיות', און אין די גאנצע וועלט דרייט זיך די מעשה פון דעם 'חכם' מיטן 'תם', די נקודה פון דעם תם איז, ער פלעגט באקומען אלעמאל די שטיקל ברויט וואס ער האט צוגעטרונקען צו דעם, און אין די ברויט האט ער אמאל געשפירט א טעם פון פלייש, וואס ער האט געוואלט שפירט ער דארט א טעם און אז ער איז צופרידן, און ער האט טאקע געשפירט דעם גוטן טעם, ווייל אין מח ליגט די טעם פון די זאך, נישט אינעם טעלער.

### כצפיחית בדבש

מיר טרעפן אין גמרא יומא, די נקודה אויף זייער א שיינע נקודה, ס'שטייט דאך דארטן אז טעמו טעם כצפיחית בדבש, די תינוקות האבן געשפירט 'דבש', די זקנים 'שמן', און די סתם מענטשן האבן געהאט 'עוגות', די הגדרה פון דעם איז אז יעדע איינער באקומט וואס אין זיין קאפ מאכט איהם צופרידן, און ס'איז זייער אויסגערעכנט אז ער זאל באקומען זיין שפע, אזוי טרעפט מען בשעת די מן, קומט אויס, ווען א מענטש פארשטייט און ער כאפט אז טאמער די אייבישטער האט מיר געגעבן דעם שפע און דאס איז פאר מיר, פונקט ווי ביי די מן וואס יעדע איינער האט באקומען לויט וואס

ער האט געדארפט באקומען, 'באתגליא' איז דאס געווען, א טעם דבש.. יעדע איינער זיין זאך, דאס איז די המשך פון נקודה פון פריער.

### נישט קיין 'מותרות'

נאך א נקודה זעהט מען ביי מן, אז זיי האבן עס געגעסן און זיי האבן נישט געדארפט גיין הכנות, ס'איז נישט געווען קיין 'מותרות', אונז זענען זייער צוגעוואוינט א מענטש עסט די גוף, די בלוט נעמט אביסעלע פון דעם די גוטע זאכן, די איבריגע ווערט מותרות און ס'ווערט מיסט, מיר וויסן דאך אז ווען מ'האט געגעסן די מן איז עס נישט געווארן מיסט, וואס איז די הגדרה מ'זאל עס פארשטיין אין היינטיגן לעבן?

א מענטש וואס ער איז צופרידן מיט וואס ער האט, ער איז נהנה פון וואס ער האט, ווי עס איז ידוע אז די חזון איש האט געהאט איין 'צוויי' בגדים א שבת'דיגע מיט א וואכעדיגע, און ער האט 'באמת' נישט געדארפט מער, ס'איז געווען צדיקים וואס זיי האבן יארן יארן געהאט דעם זעלבן בגד, ס'איז אפילו מיטאמאל נישט כמעט קאליע געווארן, און זיי האבן נישט געדארפט מער, פארוואס? ווייל איבריג איז שוין מותרות, דאס דארף איך, דאס גיי איך, און געגאנגען ווייטער, צו וואס דארף איך האבן אסאך?

די מער צופרידענע זענען, די וואס האבן נישט קיין מותרות, ער לעבט מיט וואס ער האט און דאס איז דאס, די מענטש וואס ער איז נישט מסתפק במיעוט, ס'איז איהם נישט גענוג וואס ער האט, ער דארף אלעמאל נאך, דער פאברעצירט מותרות.

### השמח בחלקו

איך קען א איד וואס האט אפאר דירות, איינער אין פלארידע.. אין אפאר פלעצער, ער האט דא אביסל דא אביסל, ער האט זייער אסאך מותרות, סיי אין קאפ, סיי אין קעשענע, סיי אין זיינע נכסים, ס'ברענגט איהם נישט קיין שלות הנפש, ס'ברענגט איהם ווייט פון צופרידנקייט, איך קען די מענטש, און איך קען נישט איינער אזוי, ער וויל הנאה האבן פון אלעס.. מ'קען נישט, מ'שלאפט אויף איין בעט, אז דו ווערסט האבן זעקס בעטן, שלאפסטו נישט אויף זעקס בעטן, דו שלאפסט אויף איין בעט, דו קענסט האבן אכציג בגדים אין שאפע, גיין גייסטו איין בגד, דו עסט מיט איין לעפל, און דו ניצט נאר איין זאך, איז דער מענטש וואס האט הונדערט לעפלעך, און די מענטש וואס האט איין לעפל, איז ער צופרידן מיט דעם לעפל, לעבט ער אפ געשמאק מיט דעם לעפל, לעבט ער אפ מיט דעם בגד און ס'איז איהם זייער געשמאק, אויב איז ער נישט א צופרידענער, איז וויפיל ער וועט האבן וועט ער קיינמאל נישט זיין קיין צופרידענער.

קומט אויס, אז סך הכל אונז לערנען פון די מן, "לעבן מיט א צופרידנקייט וואס די אייבישטער געבט דיר", דו דארפסט נישט פאברעצירן מותרות, דו דארפסט נישט פאברעצירן איבריגע זאכן, ווי מ'רופט דאס, דו דארפסט נישט ארבעטן אזוי שווער אז די יורשים זאלן האבן וואס צו ארויסרייסן, און פון וואס צו פטור ווערן, לעב דיין לעבן מיט וואס דו האסט, און זיי צופרידן.

### בסך הכל

לאמיר צוזאמנעמען די גאנצע פרשת המן, וואס אונז דארפן דא ארויסנעמען, איז די ערשטע זאך די נקודת האמונה אז די אייבערשטער איז דער 'זן ומפרנס לכל', און מ'קען היינט אויך לעבן מיט די נקודה פון די אוכלי המן, און וויסן אז יעדע איינער האט זיין פארציע, ס'נישטא מיט וואס זיך גרויסהאלטן אויף יענעם, און ס'איז תלוי שטארק אין די מח פון די מענטש, די צופרידנקייט פון די מח זאל זיין עשיר - השמח בחלקו.

און די אייבישטער זאל אונז טאקע העלפן, מ'זאל זיך מחזק זיין אין די אמונה פון דעם זן ומפרנס לכל.

### את אכלם בעתו

פונקט נעכטן האב איך געזאגט פאר איינעם א נקודה מיין חבר, פארוואס זענען מענטשן נישט צופרידן? ווייל מ'זאגט אלעמאל 'עיני כל אליך ישברו ואתה נותן להם את אכלם **בעתו**' ער גיבט דאך פאר אלעמען צו עסן איז פארוואס איז מען נישט צופרידן? ווייל מ'וויל א טאג פארן בעתו, א מענטש וויל ס'זאל איהם שוין ליגן די געלט אין באנק א וואך פאר וואס ווען ער דארף דאס, און ער זאל שוין זיין באזארגט פון פריער, נישט אזוי ווי ביי די מן, די טאג וואס מ'האט געדארפט איז געווען די מן, נאר מ'וויל פריער, האט יענער מדייק געווען גאר א שיינע זאך, אז מ'קען זאגן די ווארט בעתו קען אויך ארויפגיין אויפן אייבישטן'ס עת, 'בעתו' ווען די אייבישטער וועט מחליט זיין, דאס איז פשט בעתו אין זיין צייט, ווען ס'קומט די צייט, זאגט ער אז עס איז דא אויך בעתו אין די עת וואס די אייבישטער וויל, דעמאלס קומט די עת וואס ס'קומט די שפע.

די אייבישטער זאל אונז העלפן, אונז זאלן זעהן אלעמאל השפעות אין גשמיות, אין רוחניות, אין אחישנה מיט בעתו, ס'זאל זיין אלעמאל מיט א שפע דקדושה מתוך נחת והרחבה, שמחות מרוב כל, און אז אלעס צוזאמען נישט פארגעסן דעם אייבישטן דארט.

## 'קריעת ים סוף'

בסייעתא דשמיא, מיר שטייען אין פרשת בשלח, די היינטיגע פרשה פרשת בשלח איז זייער זייער א רייכע פרשה, עס איז פארהאן אסאך נקודות און יסודות וואס אונז האבן אין די פרשה, אבער איינער פון די יסודות'דיגע זאכן איז דער ענין פון **'שבת שירה'**, **'קריעת ים סוף'** די גאנצע סדר, ס'דא אפילו די סוגיא פון **'פרשת המן'**, **'מלחמת עמלק'**, **'עצמות יוסף'** די כח פון צדיק, אין דעם קען מען נישט ארויסגיין צום מדבר, ארויסגיין כלל ישראל, אבער מ'וועט אנרירן די נקודה וואס קומט ארויס פון די פרשה פון קריעת ים סוף.

'יקוו המים למקום אחד

כביכול הקב"ה האט באשאפן די וועלט אין די ששת ימי בראשית, איינע פון די זאכן, די אייבערשטער האט געזאגט 'יקוו המים למקום אחד ותראה היבשה' צוויי שליש וואסער, איין שליש איז די יבשה, אהן וואסער קען א מענטש נישט לעבן, ס'דא א שיינע בריאה אונטער די וואסער, אבער א 'מענטש' דער מובחר הבריאה וואס רופט זיך 'אדם' איז אויף די יבשה, און אפילו אויף די יבשה איז ממש זייער ווייניג פלאץ פארנעמט די מענטש, אלעמאל האט מען געוואוינט נעבן א ים, נעבן א 'וואסער', ווייל אין א פלאץ ווי ס'נישטא קיין וואסער - איז אזוי ווי א מדבר, דארט קען מען נישט וואוינען, מ'מוז צוקומען צו די 'וואסער', דער מובחר הבריאה, ער קען נישט וואוינען אהן די וואסער, ער מוז צוקומען צו די וואסער, ממילא אלעמאל האט מען געוואוינט נעבן 'נהרות', ארום די וואסער האט מען געוואוינט און דאס איז געווען די גאנצע יישוב פון דעם אדם אויפן וועלט.

[במאמר המוסגר, אונז וויסן אז אדם איז א עולם קטן, איז טאקע צוויי שליש פון איהם איז וואסער רינערדיג כידוע, שוין דאס איז א וועלט פאר זיך אליין, מ'וועט נישט אריינגיין אין דעם.]

### אוועק געדרוקט דעם 'טבע'

נארמאל ווען מען לערנט פשוט פשט אין די פרשה, פשוט פשט גייט אז כביכול הקב"ה

האט געטוהן פאר די אידן א מורא'דיגע זאך, ער האט פאר זיי אוועק געדרוקט דעם 'טבע', כלל ישראל שטייט דאן אין גאר א שווערע מצב, מ'וועט זיך א טראפעלע פארשטעלן ווי זיי שטייען, זיי זענען געווען 'עבדים', לאמיר עס אנרופן זיי זענען געווען ביי די 'לאגער' ביי די דייטש, מ'האט זיי געקענט הרג'ענען די קינדער ח"ו, מ'האט זיי געקענט אלעס טוהן, שוין מ'איז שוין ארויס פון די דייטשן, גע'ענדיגט, אינמיטן טרעפן זיי זיך אין א מצב אז זיי זענען ווידער דא, אונז גייען צוריק אריינגיין אין די הענט פון די דייטשן, מ'קען דאס נישט איבער טראגן, די נאצים שטייען אונטער זיי און דאס איז דאס, מיר גייען צוריק אריין אין דעם גאנצן שיעבוד, צוריק צו די פריעדיגע צרות צרורות, וואס גייט דא פאסירן?!

ס'איז די שווערסטע מינוט, די מח קען עס שוין נישט אפילו אריבער טראגן וועגן וואס מ'רעדט דא, און זיי זעהן נישט קיין ארויסגאנג, און אט קומט כביכול הקב"ה און ער שפאלט פאר זיי דעם ים,

### קשה כקריעת ים סוף

און ס'איז ידוע, זייער א געשמאקע ווארט צו פארשטיין, און מ'ניצט דעם ווארט אויכעט לגבי 'זיווגו של אדם', און אויך ביי "מזונותיו של אדם" אז די קריעת ים סוף האט זיך געשפאלטן אויף אזא צורה, אז ווי זיי זענען געגאנגען זענען זיי געגאנגען ביבשה, אבער דאס איז געגאנגען לאנגזאם, דאס איז די טייטש אז ווען מ'קוקט אויף צוריק זעהט מען א 'יבשה', און ווען מ'קוקט אין פארנט זעהט מען א 'ים', מ'זעהט אז ס'איז נישטא קיין שום וועג, און... מ'איז אריבער דעם ים, און מ'האט געזינגען 'שירה', און מ'וועט עס פארשטעלן, אזוי ווי איינער האט געזעהן ווי די דייטשן ווערן גע'הרג'עט לעיניו, זיי זענען נאכגעלאפן, און מ'האט אפגעווישט אלע דייטשן אז מ'איז פטור געווארן, ס'איז מורא'דיג, ס'איז א זאך וואס רופט זיך אסאך מער ווי די כוחות, א מענטש גיבט ארויס א ניגון פון גרויס ישועה, ער איז אזוי 'פריילך', ער איז אזוי 'היי', ער איז 'איבערגענומען', אז ער זינגט און טאנצט און לויבט, און ער גיבט ארויס זיינע אלע הרגשים פאר דער וואס האט איהם געראטעוועט, וואס דאס איז כביכול הקב"ה, דאס איז פשוט.

### קשה זיווגו של אדם

און ממילא, די זעלבע זאך ווען מ'גייט צו, צו אונזער לעבן פון קשה זיווגו של אדם כקריעת ים סוף, די מענטש שטייט, ער ווייסט נישט ווי איין ווי אויס, און בפרט בפרט, ביי אונז קען מען עס נישט אזוי פארשטיין, ווייל אונז מאכן ב"ה שידוכים, ס'קומט א שדכן, די חתן ווייסט נישט וועגן וועמען מ'רעדט בכלל און מ'האט שוין געשלאסן די שידוך, אבער אין די נארמאלע אלגעמיינע וועלט איז טאקע אסאך מער קשה ביז ווען מ'טרעפט די שידוך, ביז ווען א מענטש פארשטייט זיך מיט איר, וכו' וכו'.

### מזונותיו של אדם

אבער אין 'פרנסה' קען מען עס זייער געשמאק פארשטיין, א מענטש האט שוין א תקוה, ער לערנט זיך שוין א פאך אמאל, ער גייט שוין אריין אפילו א תקופה אין א ארבעט, און ער פאלט ארויס, ער דארף זיכען, און יעדן טאג איז א נייע התחדשות וואס דא טוהט זיך ביז ווען ער האט זיין שטיקל פרנסה, איז ריכטיג בעבר האט ער געלעבט ביז יעצט, אבער ער זעהט נישט דעם קומענדיגן טאג, ער ווייסט נישט וואס גייט זיין, איז במדה מסוימת איז דאס קשה, [אפשר וועט מען דאס שפעטער מסביר זיין ווי אזוי אפילו א מענשט וואס ער איז איינגעשטעלט און ער האט א מסודר'דיגע פרנסה, און ער האט אפילו געלט ווי קען זיין אז ס'איז די ענין פון 'קשה',] אז ס'דא אזא מושג אז פאר קריעת ים סוף זענען זיי 'נידון' געווארן הללו והללו, ס'איז נישט געגאנגען אזוי גלאט, פונקט אזוי איז אדם נידון בכל יום, אויף זיין פרנסה אויכעט, אבער דאס איז שוין א סוגיא אביסעלע שפעטער.

### ואתה מחיה את כולם

לאמיר צוריק גיין צו דעם יסוד אז וואס איז די פשוט פשט, אבער מיר טרעפן אין שער היחוד ואמונה פון בעל התניא א מורא'דיגע געדאנק וואס איז נתגלה געווארן בשעת קריעת ים סוף פאר כלל ישראל, אסאך א טיפערע ענין א קלארערע זאך. די בעל התניא ברענגט אז פון די פסוק ויולך ה' את הים ברוח קדים עזה כל הלילה וכו', דורך דעם זעהט מען אז די אייבערשטער איז מהוה די וועלט נאכאנאנד, איז ער מסביר זייער געשמאק, זאגט ער אזוי, אזוי ווי דו פארשטייסט אז ס'איז דא די בריאה, די טבעיות'דיגע בריאה, די סדר הטבע, און ווען מ'וויל מאכן שידוד הטבע דארף נאכאנאנד בלאזן די רוח קדים עזה ער דארף צוהאלטן די וואסער זאל שטיין, און דער רוח קדים עזה כל הלילה האט אויפגעשטעלט די וואסער, און דעמאלס האט ער זיך געהאלטן, ס'איז געווארן 'נקרש', ס'איז געווארן אזוי ווי 'אייז', אבער מ'דארף ארבעטן קעגן דעם 'טבע', זאגט ער מאך יעצט דעם חשבון אליין, אז טאמער די אייבערשטער האט באשאפן א וועלט און אין די שורש איז נישט דא אזא זאך 'וועלט', איז ואתה מחיה את כולם און ואתה מהוה את כולם, ווייל ער דארף נאכאנאנד מהוה זיין די וועלט און צוהאלטן אז ס'זאל זיין אזא זאך וועלט, דאס איז זייער א געשמאקע גוטן חשבון.

### קשה ! פארוועמען?

קומט דאך אויס אז למעשה האט כלל ישראל באקומען א מתנה, בשעת די קריעת ים סוף, מ'האט געזעהן ביי די צען מכות אז אלעס איז די כח פון אייבערשטן, אבער דא איז מען אנגעקומען נאכמער אז ער איז נאכאנאנד מהוה, אויב יא וועט דאך אויסקומען, וועט דאך יעדע איינער מאכן דעם פשוטן חשבון, און די קושי' וואס מען איז אנגעקומען צו דעם איז אויך די אייבערשטער, 'קשה מזונותיו של אדם', 'קשה זיווגו', א מינוט, טאמער ער איז די מהוה פון אלעס, פארן אייבישטן איז נישטא אזא זאך 'קשה', טאמער ס'איז 'קשה' איז דאס פאר אונז, ווער מאכט דיר דעם קשה? אזוי?! אויב אזוי הייב איך אן כאפן אז דער קשה איז אויך די אייבערשטער, פארוואס טאקע מאכט ער מיר קשה? טאמער ס'ליגט טאקע אלעס אין זיין האנט, נישט נאר ער קען מאכן שידוד הטבע נאר די 'טבע' אליין מאכט ער אויכעט, איז פארוואס איז דאס טאקע קשה?

### שידוד הטבע

די תירוץ ליגט אין דעם אליין, די אייבישטער האט געוואלט באשאפן די וועלט מיט די סדר הבריאה, מיטן טבע, וואסער לויפט, יעדע זאך אין דעם טבע, ממילא איז ער דער וואס ער מאכט די טבע, און ער איז מגלה אין דעם טבע דעם שידוד הטבע, דאס הייסט אז די טבע ליגט אין מיין הענט, און ס'איז ידוע אז פון ווען ס'ווערט אזא סארט גילוי אויף די וועלט, נאכדעם וואס דאס איז שוין געשען איינמאל קען עס זיך שוין איבער חזר'ן ווייל דאס גייט שוין אריין אין די בריאה, די מינוט וואס די אייבישטער האט שוין געמאכט א קריעת ים סוף אדער די מכות, קען שוין נתגלה ווערן אויף די וועלט א גילוי פון'ם אייבערשטן נאכאנאנד פון די אלע סארטן שידוד הטבע, אזוי ווי ס'ווערט איבער געחזר'ט די 'אור' פון יעדן יום טוב, ס'ווערט איבער געחזר'ט די מתן תורה, יעדע זאך, די קולות וברקים, ס'ווערט איבער געחזר'ט אין די בריאה, און ס'האט שוין א כח אין די בריאה, ווייל ס'איז שוין אראפגעקומען דא למטה אין עולם הבריאה אזא סארט גילוי.

קומט אויס זייער געשמאק, א מענטש דארף וויסן אז מ'זאגט יעדן טאג 'שירה' ביים דאווענען, מ'דערמאנט זיך, נישט נאר מ'דערמאנט זיך אז די אייבישטער קען מאכן 'שידוד הטבע' ווען א מענטש געפונט זיך אין א פראבלעם, מ'דערמאנט זיך אז די אייבישטער האט זיך מגלה געווען אז ער 'ואתה מחיה את כולם', ער איז נאכאנאנד מהוה די בריאה, און ער מאכט דעם קשה, פאר אונז קוקט עס אויס קשה אבער נישט פאר איהם איז קשה,

קשה זיווגו של אדם, קשה פרנסתו של אדם כקריעת ים סוף, ער האט געמאכט דעם קשה, און ער איז מגלה איך בין אונטער דעם קשה, און איך וועל דיר אויכעט פותר זיין דעם קשה.

### חלק 'האמונה'

איז וואס איז אונזער חלק אין די אלע זאכן? אונזער חלק אין די אלע זאכן איז די חלק 'האמונה' מיט די 'תפילה'. ווי מער א מענטש גלייבט באמת אז ס'איז 'ער', סיי איז ער רוהיג'ע, סיי איז ער מתפלל, ליגט דאס אין זיינע הענט גייט ער איהם בעטן, אז ער גייט איהם בעטן ממילא אונז גייען זיך גרייטן צו די תפילות, די יסוד התפילה איז די שמונה עשרה, אונז גייען זיך גרייטן צו די שמונה עשרה, איז דא פסוקי דזמרה, און ס'דא א שירה, און די שירה עפענט אונזער הארץ צום אייבישטן נישט נאר מיט דעם וואס אונז זינגען 'וישע ה' את בני ישראל.. וירא את מצרים מת על שפת הים', אונז גרייטן זיך צו, אונז געבן ארויס די נקודה אז דו ביזסט 'מחיה את כולם', אזוי ווי אונז זאגן ביי ויברך דוד 'ואתה מחיה את כולם', די אלטע רבי רופט דאס ואתה 'מהוה' את כולם נאכאנאנד, און אין די שירה האבן אונז דאס געזעהן מיט די פליישיגע אויגן, אין די קריעת ים סוף האבן אונז געזעהן די אלע גרויסע זאכן, דאס אלעס גרייט מען זיך ווען מ'גייט זיך שטעלן דאווענען, ווייל אז אונזער אמונה קאכט זיך גוט אין אז ער איז די זאך, קום איך צו איהם בעטן, קום איך זיך יעצט שטעלן שמונה עשרה ווייל ס'ליגט אין זיינע הענט, בין איך אין זיינע הענט לאמיר איהם בעטן אלעס, לאמיר גיין צו איהם.

### שירה מיט התבוננות

וואס קומט אויס למעשה, א איד שטעלט זיך אוועק זאגן שירה, ס'שטייט אזעלכע גרויסע זאכן אויף די זאגן שירה מיט התבוננות, איינקאכן, ס'קומט א 'שבת שירה', איינקאכן אז ער איז קשה, און ער איז די קריעת ים סוף, פון דעם נס זעהט מען אז די טבע איז ער, קומט אויס אז ער איז געוועהן די 'קשה', און ער איז די 'קריעת ים סוף', אזוי ווי ס'ווערט געברענגט אין חסידישע ספרים אז אויף דעם, ס'שטייט אין פסוק 'וירא ישראל את היד הגדולה אשר עשה ה' 'במצרים', וואס הייסט דאס 'במצרים', במצריים? נאר מ'האט משיג געוועהן אז די גילוי מצרים איז געוועהן א חסד גדול, וירא את היד הגדולה אשר עשה ה' **"במצרים"** די יד הגדולה, 'גדולה' איז אלעמאל 'חסד', אזוי ווי אונז זאגן לך ה' הגדולה והגבורה והתפארת והנצח וההוד, 'הגדולה' דאס איז 'חסד', והגבורה דאס איז 'גבורה'.., את היד הגדולה אשר עשה ה' במצרים, אז די קשה איז אויכעט ער, די קושי השיעבוד איז ער, און אלעס איז ער, פארוואס? ווייל ער וויל טוהן אין דעם טבע, מצד אחד ווערט 'קושי' פון די פרנסה, די 'קושי' פון זיווגו של אדם, דאס איז 'ער', און שפעטער באווייזט ער אז איך בין אלעס.

### 'לעבן מיטן אייבערשטן'

די אייבערשטער זאל אונז העלפן, מיר זאלן לעבן ריכטיג אין די נקודה פון **'לעבן מיטן אייבערשטן'**, די נקודה וואס מ'האט געהאט גערעדט אז אפילו א מענטש האט א פרנסה, ער איז שוין מסודר, ער האט אסאך געלט, איז אדם נידון בכל יום, וואס איז דאס 'דין'? דין איז פשוט א 'מדה' ער איז יא ווערד ער איז נישט ווערד, ס'דא נאכמער, חוץ פון דין ער איז יא ווערד ער איז נישט ווערד, איז דא אזא זאך א מענטש איז ר"ל אין א שעת 'דין', ס'איז שעות פון דינים, וואס הייסט שעות פון דינים? ווען מ'איז דן א מענטש איז ער אין א סכנה, דאס טייטשט ס'קומט זיך איהם און ער וועט דערלעבן, ער וועט ממשיך זיין, צו ח"ו ער וועט נמנע ווערן אינגאנצן, אין אסאך סארטן זאכן איז די משל, יעדע זאך דארף נולד ווערן, ס'דארף אראפ קומען אזא סארט שפע אויף די וועלט, איז פאר דעם שפע וועט מען דאס רופן שפע רוחני, ער האט א ברכה, מ'נעמט א ברכה פון א צדיק, אונז בעטן א ברכה פון אייבישטן, מ'מאכט א ברכה קומט א ברכה, די ברכה איז נאך אין רוחניות, ס'זאל ווערן איבער געדרייט אין עולם הגשמי, זאלסט וויסן ס'דא 'אצילות', 'בריאה', 'יצירה', 'עשייה', ס'זאל אראפקומען אין עולם העשייה א זאך, ס'זאל ווערן טאפעדיגע געלט, א טאפעדיגע גשמי פון רוחני אויף גשמי, דאס איז זייער א שווערע נידון צו ס'זאל ווערן צו נישט.

ווען די איד דארף באקומען זיין שפע דקדושה, ער קען האבן געלט, אבער ס'דא אזא זאך די שפע חיים, די שפע פרנסה, דאס איז די טייטש ס'דארף נתגלה ווערן אויף די וועלט אז ער זאל האבן שפע, וואס ער איז נידון בכל יום, ווייל ר"ל ס'זענען געוועהן מענטשן זיי האבן געקענט האבן מיליאנען, און אונטער א טאג איז דאס נעלם געווארן, נישט ווייל ס'שלעכט ס'גוט, מ'גייט נישט אריין אין די נקודה, ווייל ער זאל עס האבן אין עולם הגשמי, ער קען האבן גרויסע שפע, ס'דא מענטשן וואס זענען עשירים אין 'שפע', און כל העולם ניזון 'בשביל' חנינא בני, די 'שביל' וואס האט אראפגעברענגט דעם שפע איז געוועהן חנינא, אבער ער איז די לו בקב חרובין, ווייל אין דעם עולם העשייה איז אראפגעקומען א שפע, אבער אז ס'זאל ווערן נתגשם אויף גשמי, דאס איז עקסטערע נידון בכל יום, אבער נישט דאס איז יעצט די גאנצע סוגיא, די סוגיא איז פשוט אז ווען א איד זאגט 'שירה' זאל ער מיטנעמען דעם 'כל עצמותי תמארנה' אז אתה מהוה את כולם, און ער איז די 'קשה', און ער איז די 'קריעת ים סוף', און ער איז די אלע זאכן, איז גייט מען צו צו דעם קשה אויכעט מיט גאנץ אן אנדערע בליק.

די אייבישטער זאל אונז העלפן, מיר זאלן לעבן ריכטיג אין די נקודה.

טַעֲמוּ וּרְאוּ כִּי טוֹב ה'

**כל הזכויות שמורות למכון "טעמו וראו"**

**להערות והארות ולקבלת הגליון ולכל עניני הגליונות**

**ניתן לפנות בכתובת אימייל: a8426277@gmail.com**

**טל': 050-417-0448**

**א פרייליכע מעלדונג**

די רייכע שמועסן קען מען אויך הערן אויפ'ן אינהאלטסרייכן טעלעפאן ליין:

ארץ ישראל - 02-5368970

ארה"ב - 646-585-3065 אייראפע - 443303900488

הערטס און דערקוויקט אייער הארץ מיטן געניסן פון די פולע לערנבארע שמועסן

**ישמח לב מבקשי ה'! מ'קען שוין הערן די "חיזוק יומי"**

שטארקע ווערטער פאר גרויס און קליין. דריקט נאמבער 1